# האַרבסט

געלע פאַרטריקנטע בלעטער
זינקען פון בוים צו דער ערד.
האַרבסטיקער וועטער
מאַטערט די צווייגן, —
שווייגן
זיי שטום און פאַרקלערט.

ציטערן וועלדער,
גוססן פעלדער,
זאָגט מיט זיי ווידוי דער ווינט.
האַרבסטיקע בלייענע וואָלקנס
(פעסער צוגאָסענע פיין)
דריקן פון אויבן
און לאָזן ניט גלויבן,
אַז פרילינג וועט נאָך ווען זיין.

וויינען מיט רעגן די בלומען.
(סוף האַרבסט, דער טויט מוז דאָך קומען).
וויינט מיט זיי העפטיק דער ווינט.
פויגלען פון עלנט געטריבן
פליען און זוכן אַ נעסט.
פליען און שוועבן
ס'ווילט זיך זיי לעבן,
פליט מען קיין מערב אין געסט...

לאַגער=קאָמיטעטן,
קיבוצים,
קולטור=קרייזן און
דראַמאַטישע=קרייזן